**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/5/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג באזוכן צו קאמיוניטיס אפעקטירט דורך ׳איידע׳ פארפלייצונגען, טוט גאווערנער האקול אונטערשרייבן פארלאנג פאר פארשנעלערטע ׳מעידזשאר דיזעסטער׳ דעקלעראציע**

***פארלאנג זוכט פעדעראלע פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר לאקאלע רעגירונגען און ניו יארקערס נאכ׳ן באוויליגן, וועט דעקלעראציע געבן אינדיווידיועלע און פובליק הילף פאר ניו יארקערס אויף אויפריכטונג פון האריקעין ׳איידע׳ שאדן***

***ניו יארקערס וועלכע זענען ארויסגעזעצט פון זייערע היימען, אריינגערעכנט אום-אינשור׳טע פאמיליעס, וועלן קענען באקומען געלטער פאר האוזינג הילף, ווי אויך קריזיס קאונסלינג, אנעמפלוימענט הילף, היים פאררעכטונגען, און לעגאלע סערוויסעס***

***גאווערנער האקול שטעלט אויף נייע אנליין רעסורס צענטער ביי [ny.gov/ida](ny.gov/ida) וואו ניו יארקערס קענען זוכן מער אינפארמאציע אויף פארהאנענע הילף פראגראמען און אויף באקומען צוטריט צו שיך-ערטער און עסנווארג***

***גאווערנער האקול דירעקטירט $378 מיליאן דאלער אין פריער-אויסגעטיילטע ריזיקע-לינדערונג געלטער אונטערצוהייבן ניו יארק סטעיט׳ס אינפראסטרוקטור קעגן עקסטרעמע וועטער FEMA***

***דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס פונקטן פלאצירט אין יאנקערס, מעמעראנעק, און אלע פינף ניו יארק סיטי בארעס, אריינגערעכנט איסט-עלמהורסט, ארויסצוהעלפן ניו יארקערס צו פייל׳ען אינשורענס קלעימס***

***בילדער פון דער גאווערנער׳ס באזוכן צו אפעקטירטע קאמיוניטיס אין איסט-עלמהורסט קען מען געפונען דא און דא, אין אינוואוד דא, אין מעמעראנעק דא, אין יאנקערס דא, און אין סטעטען איילענד דא***

נאכפאלגנדיג אירע באזוכן צו קאמיוניטיס אפעקטירט דורך פארפלייצונגען פון האריקעין ׳איידע׳, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אונטערגעשריבן א פארלאנג פון פרעזידענטביידען פאר א פארשנעלערטע ׳מעידזשאר דיזעסטער׳ דעקלעראציע. מיט פרעזידענציעלע באשטעטיגונג וועט דער דעקלעראציע גיבן אינדיווידיועלע און פובליק הילף פאר בארעכטיגטע ניו יארקערס וועלכע ערהוילן זיך פון די שטורעם׳ס שאדן. דורך דער פארלאנג פאר א דעקלעראציע, פארלאנגט דער גאווערנער אז ניו יארקערס וואס זענען ארויסגעזעצט געווארן אדער געליטן שאדנס אלס רעזולטאט פון דעם שטורעם, אריינגערעכנט די וועלכע האבן נישט געהאט קיין פלייצונגג אינשורענס, קענען באקומען די הילף אין וואס זיי נויטיגן זיך. דער גאווערנער האט אויך אנאנסירט דאס אנהייבן פון א נייע אנליין רעסורס צענטער פאר אפעקטירטע ניו יארקערס, צו באקומען ביי [ny.gov/ida](ny.gov/ida). דער צענטער גיבט אינפארמאציע אויף וועלכע הילף פראגראמען זענען פארהאן און וואו צו געפונען סערוויסעס ווי שיך-ערטער און צוטריט צו עסנווארג. די אינפארמאציע אויף דער וועבזייטל וועט ווערן דערפרישט ווי מער רעסורסן פאר ניו יארקערס ווערן אהערגעשטעלט. אין צוגאב שליסט זיך אן דער סטעיט מיט ניו יארק סיטי צו שטיצן די

׳איידע׳ ערהוילונג סערוויס צענטערס. די צענטערס האבן אריינגעצויגן די שטיצע פון ערוועלטע באאמטע וועלכע פארטרעטן אפעקטירטע קאמיוניטיס און וועלן אנבאטן אינפארמאציע אויף אלע פארהאנענע רעסורסן און הילף.

גאווערנער האקול האט אויך פאראדנט אז 378 מיליאן דאלער אין פריער-אויסגעטיילטע ריזיקע-לינדערונג געלטער פון FEMA זאלן געווידמעט ווערן אויף אונטערצוהייבן ניו יארק סטעיט׳ס אינפראסטרוקטור קעגן עקסטרעמע וועטער.

"ניו יארקערס ערהוילן זיך נאך פון די שאדנס לענגאויס אונזערע דאונסטעיט קאמיוניטיס, און דער פארלאנג וואס איך האב אונטערגעשריבן און דערלאנגט צו פרעזידענטביידען וועט קענען פארזיכערן אז די פינאנציעלע רעסורסן וועלכע קומען זיך פאר ניו יארקערס וועלכע האבן געליטן חורבנות וועלכע מען קען זיך גאר נישט פארשטעלן אלס רעזולטאט פון דער שטורעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב געזען די הארץ-ווייטאג און פיין פון די פאמיליעס ערשט-האנטיג, און איך זאג צו זיי נישט צו פארגעסן און צו פארזיכערן אז זיי באקומען די רעסורסן וואס זיי דארפן אויף זיך צו ערהוילן. אונזער ערהוילונג און שטיצע טיעמס בלייבן אויפ׳ן פלאץ, און פארשטערקערן זיך נאך מער אויף אונזערע אויפריכטונג ארבעט ביז ניו יארקערס זענען פעאיג צו קענען שטיין אויף די אייגענע פיס."

א ׳מעידזשאד דיזעסטער׳ דעקלעראציע וועט רעזולטירן אין פינאנציעלע הילף פון דער פעדעראלער רעגירונג צו ערמעגליכן פאר לאקאלע קאמיוניטיס אין אינדיווידיועלע ניו יארקערס פארצוזעצן זייער ערהוילונג. הילף נעמט אריין געלטער פאר עמערדזשענסי אפהיט-מיטלען, אפפאל אוועקפירן, און פאררריכטונגען צו פובליק געביידעס און אינפראסטרוקטור, ווי אויך דירעקט שטיצע פאר יחידים און היים אייגנטימער. ניו יארקערס קענען מעגליך אויך באקומען געלטער פאר אנדערע נישט-אינשור׳ירטע אדער אונטער-אינשור׳ירטע דיזעסטער-געברענגטע אויסגאבן און ערנסט באדערפענישן, ווי פאררריכטונגען אדער ערזעצונג פון פערזענליכע פארמעגנס אדער געלטער פאר זיך אריבערציען אדער סטאָרעדזש, אדער מעדיקעל, דענטאל, אדער טשיילד-קעיר. היים אייגנטימער און דינגער זאלן מאכן יעדע באמיאונג צו דאקומענטירן זייערע פארלוסטן.

אויב באוויליגט, וועלן באוויליגטע היים אייגנטימער ארבעטן דירעקט מיט FEMA צו באקומען פאנדינג. הילף קען אריינגעמען פאנדס פאר צייטווייליגע האוזינג יוניטס, האוזינג און דרייוו-ווער פאררריכטונגען, קריזיס קאונסלינג, אנעמפלוימענט הילף, און לעגאלע סערוויסעס.

אפילו אין דער צייט וואס ניו יארק׳ס ערשטע רעספאנדערס און עמערדזשענסי מענעדזשמענט טיעמס זענען פארבליבן אויפ׳ן ארט ארויסצוהעלפן לאקאלע מיטארבעטער מיט שטורעם אפרוף אפעראציעס, האט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס ארויסגעשטעלט ספעציאליסטן אפצושאצן שאדנס אויף זיך צו קענען ווענדן פאר פעדעראלע דיזעסטער הילף. דער סטעיט בלייבט אין כסדר׳דיגע קאנטאקט מיט FEMA און לאקאלע מיטארבעטער דורכאויס דעם פראצעס צו דרוקן פאר א פארשנעלערטע איבערזיכט אויף דער פעדעראלער זייט איינמאל די פרעלימינארע שאדן אפשאצונגען ווערן געפארטיגט.

אלס רעזולטאט פון די באמיאונגען האבן סטעיט און פעדעראלע עקספערטן נאך אין די ערשטע טעג אפגעשאצט אז דער שטורעם האט געברענגט מער ווי 50 מיליאן דאלער אין שאדן צו פובליק אינפראסטרוקטור און פארמעגן. פאנדינג צו שטיצן דער אויפריכטונג פון פובליק אינפראסטרוקטור ווערט געזוכט דורך FEMA׳ס פובליק הילף פראגראם וועלכס שטעלט צו צוריקצאל פאר לאקאלע רעגירונגען נאך א דיזעסטער איז דערקלערט געווארן דורך דער פרעזידענט פאר אקטיוויטעטן ווי אפפאל אוועקפירן, עמערדזשענסי אפהיט מיטלען, פאררריכטן און איבערבויען פובליק-באזיצטע אינפראסטרוקטור וועלכס איז געשעדיגט געווארן, אריינגערעכנט ראודס, סקולס, בריקן, פארקס,

שפיטעלער, פאליציי סטאנציעס, פייער סטאנציעס, וואסער און אפפאל וואסער באהאנדלונג איינריכטונגען און אנדערע פובליק איינריכטונגען.

אין צוגאב פארלאנגט דער גאווערנער פעדעראלע פאנדינג דורך FEMA׳ס אינדיווידיועלע הילף פראגראם פאר 14 קאונטיס. דער פראגראם גיבט דירעקטע שטיצע צו אינדיווידיועלן און הויזגעזינדער. אין די ערשטע שאדן אפשאצונג פראצעס האבן סטעיט, לאקאלע, און פעדעראלע ספעציאליסטן באשטימט אז איבער 1,200 וואוינונגען האבן געליטן שאדנס.

דער גאווערנער דערמוטיגט ארטיגע באאמטע אין די באטראפענע קאונטיס פארצוזעצן דאס ארבעטן מיט זייער קאונטי עמערדזשענסי פארוואלטער אריינצוגעבן סיי וועלכע רעסורס געברויכן דירעקט צו ׳ען-וויי רעספאנדס׳, דער סטעיט׳ס אינטערנעט-באזירטע סיסטעם וועלכס ערמעגליכט סיי לאקאלע רעגירונגען און סיי סטעיט אגענטורן אריינצוגעבן און מיטצוטיילן נויטיגע עמערדזשענסי-פארבינדענע אינפארמאציע און רעסורס פארלאנגען.

אויף גאווערנער האקול׳ס אנווייזונג זענען סטעיט אגענטורן׳ס עמערדזשענסי אפרוף אייגנשאפטן נאך אלץ אויפ׳ן פלאץ ווי נויטיג צו העלפן ארטיגע מיטארבעטער מיט אפרייניגונג און אויפריכטונג ארבעט. סטעיט און לאקאלע ערשטע רעספאנדערס זעצן פאר ווייטער צו זיין פולשטענדיג באשעפטיגט אין שטיצן לאקאלע רעגירונגען אין שטורעם אפרוף און אפרייניגונג אפעראציעס.

**אנגייענדע אגענטור אפרוף אקטיוויטעטן**

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס**
דער דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס מאביל קאמאנד צענטער וועט אפערירן פון 9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג טעגליך ביי סעלעקטירטע לאקאציעס אין די סטעיט און עמערדזשענסי קאונטיס אפעקטירט דורך טראפישע דעפרעשן ׳איידע׳ ביז דער נויט פאר הילף גייט פארביי. די מאביל יוניטס וועט צושטעלן פאר ניו יארקערס אינשורענס אינפארמאציע בנוגע פאליסי דעקונג פאר פארלוסטן און עצות אויף וויאזוי צו דאקומענטירן זייערע פארלוסטן און אפהיטן זייער פארמעגנס. אפוינטמענטס זענען נישט נויטיג, און אויב א מענטש קען נישט אליין קומען קענען זיי אויך באקומען הילף דורך רופן דער דעפארטמענט׳ס דיזעסטער האטליין אויף 800-339-1759, טעגליך, 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג און דורך באזוכן דעם דעפארטמענט׳ס וועבזייטל אויף https://www.dfs.ny.gov/consumers/help_for_homeowners/disaster_flood.

DFS עקספלארירט איצט צו אידענטיפיצירן געלעגנהייטן צו פארברייטערן די אנוועזנהייט פון אירע מאנשאפטן און רעסורסן אין אפעקטירטע לאקאציעס.

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**
DHSES זעצט פאר ווייטער צו קאארדינירן מיט אונזער מיטארבעטער אגענטורן ביי דער לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע שטאפל אין אפרוף באמיאונגען. דער סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער איז אקטיוו און בלייבט ווייטער באשעפטיגט מיט סטעיט אגענטורן פארנומען מיט אפרייניגונג מיסיעס. DHSES מאנשאפטן זענען אויפ׳ן ארט שטיצנדיג די באמיאונגען און וועלן ווייטער אנהאלטן צו באזארגן נאך רעסורסן צו לאקאלע רעגירונגען און קאונטי עמערדזשענסי פארוואלטער דורכאויס דער פראצעס.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**
ניצנדיג דראָונס און אנדערע טעכנאלאגיע, דעפארטמענט פון ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען (DEC) פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, עמערדזשענסי פארוואלטונג עקספערטן, אויסגיס רעספאנדערס,

און נאך איינגעשטעלטע זעצן פאר ווייטער אפּצושאצן שטורעם באטרעפונגען נאכ׳ן אנקומען פון ׳איידע׳, אריינגערעכנט פאטענציעלע שאדנס צו אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור, פעטראל אויסגיס, און די גאנצקייט פון דעמס און ברעגמויערן.

דער DEC דערמאנט פאר ניו יארקערס אז אויב פלייצונג וואסערן ווערן באטראפן דורך פעטראל, קעמיקעלס, און אנדערע געפארפולע מאטעריאלן, ביטע רופט DEC׳ס אויסגיס האטליין (1-800-457-7362) https://www.dec.ny.gov/chemical/87175.html.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק׳ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 6,000 ארבעטער וועלכע זענען גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף, פאררעכטן, און צוריקשטעל באמיאונגען לענגאויס דעם סטעיט. DPS שטאב זעצן פאר ווייטער נאכצושפירן די יוטיליטיס ארבעט במשך דעם שטורעם און וועט פארזיכערן אז די יוטיליטיס שטעלן די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט דאס מערסטע באטראפן צו ווערן. דער שטורעם אויפריכטונג פאקוס איז קאנצענטרירט אויף די דאונסטעיט ראיאנען וועלכע זענען די מערסטע אפעקטירט דורך דער שטורעם.

**דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען**
דער דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען האט איבער 3,150 ארבעטער וועלכע העלפן אויף זיכערהייט צוריק אויפעפענען אפעקטירטע שאסייען און פארזיכערן אז ראודס בלייבן זיכער פאר אלע באניצער.

**ניו יארק סטעיט פאליצײ**
די ניו יארק סטעיט פאליצײ האט באפוילן פאר אלע טרופערס צו שטיין אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די אומשטענדן פאר סיי וועלכע פראבלעמען. צוגעגעבענע באאמטע וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו באטראפענע ערטער לויט ווי עס נייטיגט זיך. אלע פור-וויל-דרייוו וויהיקלס און אנדערע ספעציעלע וויהיקלס, אריינגערעכנט יוטיליטי טערעין וויהיקלס, זענען אין סערוויס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן